**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/24/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט דאס אויפשטעלונג פון אן אדווייזארי קאונסיל צו שטיצן אינסטיטוציעס וועלכע פארבארגן געלט אין מינאריטעט קאמיוניטיס

***אנאנסירט פארשלאג צו ארייינגיין אין שותפות מיט CDFI'ס צו ברענגען 150 מיליאן דאלאר פאר קליינע ביזנעסער וועלכע זענען אין גרעסטע נויט אויב פלאן וועט באקומען פעדעראלע באשטעטיגונג***

***האלט אפ פינאנציעלע פארשטערקערונג פאנעל צו שטיצן טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס מיט דר. העיזעל דיוקס, NAACP ניו יארק סטעיט קאנפערענץ פרעזידענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אפגעהאלטן א פאנעל אין די בראנקס קאנצעטרירט אויף וויאזוי ניו יארק סטעיט קען אויפטרייבן עקאנאמישע ערהוילונג אין טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס מיט NAACP פרעזידענט דר. העיזעל דיוקס, און זי האט אנאנסירט נייע באמיאונגען צו באקעמפן אריינגעבויטע ראסיזם אין די פינאנציעלע סיסטעם און שטיצע פאר נייע קאמיניטי הלוואות פראגראמען און עקאנאמישע אנטוויקלונג סערוויסעס קאנצעטרירט אויף דאס אנקומען צו מינאריטעט קאמיוניטיס. די פאנעל האט צוזאמגעברענגט קאמיוניטי פירער, קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציעס, מינאריטעט געלט גמ"חים, קרעדיט יוניאנס און קליינע ביזנעס אייגנטימער.

"די פאנדעמיע האט באטראפן מינאריטעט קאמיוניטיס מער פון אנדערע, פארטיפנדיג די ראסישע אומגלייכקייטן פון געלט און אויפדעקנדיג די אריינגעבויטע ראסיזם אין אונזער פינאנציעלע סיסטעם וואס האט פארמיטן פון ניו יארקער צו עררייכן פינאנציעלע הצלחה", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז קריטיש אז מיר זאלן עפענען קאמיוניקאציע מיטלען, אונטערהייבן ארגאניזאציעס אויף די פארנט ליניעס פון די ארבעט און ארבעטן צוזאמען צו טרעפן די מערסט ווירקזאמע לייזונגען. מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו שטיצן הלוואה אינסטיטוציעס אין די קאמיוניטי וועלכע ברענגען פינאנציעלע מיטלען און סערוויסעס פאר קאמיוניטיס וועלכע האבן נישט באקומען גענוג, און די נייע אדווייזארי קאונסיל וועט העלפן פארזיכערן אז אונזער עקאנאמישע ערהוילונג פון די פאנדעמיע איז יושר'דיג און גלייך פאר אלע ניו יארקער."

CDFI'ס און MDI'ס זענען פינאנציעלע אינסטיטוציעס וועלכע ארבעטן פאר קאמיוניטי צוועקן און שפילן א קריטישע ראלע אינעם פארמערן צוטריט צו פינאנציעלע סערוויסעס און פראדוקטן פאר קאמיוניטיס וועלכע האבן היסטאריש נישט באקומען גענוג סערוויסעס און באנקירונג, באזונדערס אין מינאריטעט קאמיוניטיס.

ביי די פאנעל האט גאווערנער האקול אנאנסירט איר פלאן פאר די סטעיט ארייינצוגיין אין א שותפות מיט CDFI'ס צו ברענגען מער פון 150 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר קליינע ביזנעסער וועלכע זענען דאס מערסטע אין נויט, נאך וואס די סטעיט'ס פלאן וועט באקומען פעדעראלע באשטימונג. דאס איז טייל פון גאווערנער האקול'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 וואס האט פארגעשלאגן ערשטמאליגע הילף

פאר קליינע ביזנעסער, אריינרעכענענדיג איבער 500 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק סטעיט דורך די פעדעראלע סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אונטערנעמונג (State Small Business Credit Initiative) אין לויף פון די קומענדיגע פאר יאר. אנקומען צו די קליינע ביזנעסער וועלכע זענען דאס מערסטע אין נויט וועט פאדערן צו ארבעטן פון די נאענט מיט אונזערע שותפים אויפן שטח, אריינרעכענענדיג CDFI'ס, MDI'ס און קרעדיט יוניאנס. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) צייטווייליגע קאמישאנער, פרעזידענט און CEO-באשטימטע, האָופּ נייט, וועט ארבעטן צוזאמען מיט קאמיוניטי פירער צו פארטיילן די געלטער נאך וואס די סטעיט'ס פלאן וועט באקומען פעדעראלע באשטעטיגונג.

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט א נייע אדווייזארי קאונסיל פון ניו יארק סטעיט-אויטאריזירטע CDFI'ס און MDI'ס וועלכע וועט ווערן אנגעפירט דורך די DFS סופּעראינטענדענט, עידריען העריס. די נייע קאונסיל וועט זיך אפגעבן מיט ספעציפישע זארגן פון ניו יארקע CDFI'ס און MDI'ס צו שטיצן מינאריטעט קאמיוניטיס און זיכער מאכן אז זייערע באדערפענישן ווערן נאכגעקומען. אלץ אין ארבעטנדע און אקטיווע פארום וועט די נייע קאונסיל דורכרעדן וועגן צו מאדערניזירן רעגולאציעס און שטיצן די אינסטיטוציעס צו קענען בעסער דינען זייערע קאמיוניטיס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט צייטווייליגע קאמישאנער, פרעזידענט און CEO-באשטימטע, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס CDFI'ס האבן געדינט אלץ א רעטונג'ס שטריק פאר פילע קליינע ביזנעסער דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע, צושטעלנדיג קריטישע פינאנציעלע הילף און פארבינדנדיג ביזנעסער אין באזייטיגטע קאמיוניטיס מיט סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונג. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט וועלן זיי פארזעצן צו שפילן א וויכטיגע ראלע אזוי ווי מיר שטופן פאר א מער אינקלוסיווע און פולשטענדיגע עקאנאמישע ערהוילונג."

**דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) סופּעראינטענדענט, עידריען העריס, האט געזאגט,** "CDFI'ס און MDI'ס זענען א וויכטיגע טרייב קראפט פארן בויען רייכטום אין מינאריטעט קאמיוניטיס און צו פארזיכערן א שטאנדהאפטיגע פינאנציעלע סיסטעם וואס ארבעט פאר אלע ניו יארקער. די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס אדווייזארי קאונסיל וועט זיין א וויכטיגע פארום פאר אונזערע ניו יארק סטיעט-אויטאריזירטע CDFI's/MDI's, און עס וועט ערלויבן די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס צו ארבעטן צוזאמען מיט די אינסטיטוציעס צו שטיצן דאס אוועקשטעלונג און וואוקס פון קליינע ביזנעסער, טרייבן באשעפטיגונג און עקאנאמישע אקטיוויטעט איבער אונזער גאנצע סטעיט."

די ארבעט בויט אויף גאווערנער האקול'ס 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו שטיצן קליינע ביזנעסער. די פלאן וועט אינוועסטירן אין די וואוקס און אפהיטונג פון די קליינע ביזנעסער פון די צוקונפט, עס וועט ברענגען קליינע ביזנעסער טעקס קרעדיטס פאר ביזנעסער וועלכע האבן געהאט קאוויד-פארבינדענע אויסגאבן, איינזייען פינאנצירונג צו אוועקשטעלן נייע ביזנעסער, צושטעלן בויגזאמע גרענטס צו יונגע קליינע ביזנעסער, פארברייטערן הלוואות פאר קליינע ביזנעסער און העלפן קליינע ביזנעסער באקומען קאנטראקטן. נאכן ערהאלטן פעדעראלע באשטעטיגונג פאר ניו יארק סטעיט'ס פלאן אונטער די סטעיט קליינע ביזנעסער קרעדיט אונטערנעמונג (State Small Business Credit Initiative) וואס איז אריבערגעפירט געווארן אלץ טייל פון די אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ ( The American Rescue Plan Act) אריינגעגעבן צו די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפּארטמענט פריער דעם חודש, וועט די אדמיניסטראציע ארבעטן צוזאמען מיט CDFI'ס צו ברענגען מיליאנען אין פינאנצירונג פאר קליינע ביזנעסער וועלכע זענען דאס מערסטע אין נויט. די גאווערנער האט אויך גערעדט איבער די סטעיט'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו צושטעלן 5 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר CDFI'ס אין לויף פון פינף יאר צו שטיצן צוטריט צו זיכערע באנקירונג סערוויסעס פאר צוגענגליכע פרייזן אין ארימערע קאמיוניטיס וועלכע האבן היסטאריש נישט באקומען גענוג סערוויסעס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די DFS און די ESD

האבן לעצטנס אנאנסירט די ערשטע פארטיילונגען פון די ניו יארק סטעיט קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציע קאסע (New York State Community Development Financial Institution Fund).

**סענאטאר דזשעימס סענדערס דזשוניאר האט געזאגט,** "אלץ טשערמאן פון די סענאט קאמיטע איבער בענק (Senate Committee on Banks) בין איך שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול אין דעם אונטערנעמונג וואס וועט העלפן קליינע ביזנעס אייגנטימער דורכן רעדוצירן רעגולאציעס וואס שטייען אין וועג און פארמערן באנק הלוואות אין קאמיוניטיס וועלכע האבן באקומען ווייניגער סערוויסעס ביז היינט. די פינאנציעלע אינוועסטירונג פון די סטעיט איז באזונדערס קריטיש אין די צייט וואס ניו יארקער מוטשענען זיך צוריק צו גיין צו די סטאביליטעט און וואוקס פון בעפאר די פאנדעמיע."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "ווייניגער צוטריט צו באנקירונג און פינאנציעלע סערוויסעס אין אונזער ארימערע און באזייטיגטע קאמיוניטיס באטרעפן צופיל ניו יארקער, אבער באזונדערס אונזערע מינאריטעט קאמיוניטיס. CDFI'ס און MDI'ס שפילן א קריטישע ראלע אין דאס פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש געווען באזייטיגט דורכן זיי באזארגן מיט וויכטיגע פינאנציעלע סערוויסעס און פראדוקטן פאר ביזנעסער וועלכע באקומען נישט גענוג באנקירונג סערוויסעס, פריוואטע מענטשן און מער. אזוי ווי מיר זוכן נייע וועגן צו מאכן אונזערע באנקירונג און פינאנציעלע סעקטארן מער יושר'דיג, באגרוס איך דאס שאפונג פון א נייע קאונסיל געווידמעט צו אדרעסירן לאקאלע זארגן און שטיצן קאמיוניטיס וועלכע האבן נישט גענוג בענק איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין דעם אנגעלעגנהייט, און אלץ פארזיצערין פון די אסעמבלי בענק קאמיטע (Assembly Banks Committee), קוק איך ארויס צו ארבעטן מיט איר צו זיכער מאכן אז אלע קאמיוניטיס פון ניו יארק – אבער באזונדערס די מינאריטעטן – באקומען יושר'דיגע און גלייכע סערוויסעס אין אונזערע באנקירונג און פינאנציעלע סערוויסעס סעקטאר."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן